בס"ד

דער בלעטל
# טיב הקהילה
## אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

דברים
ח' אב תשפ"ה

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 7:00 |
| מוצש"ק | 8:16 |
| ר"ת | 8:52 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:29 | סוז"ת א' | 9:54 |
| סוזק"ש ב' | 9:18 | סוז"ת ב' | 10:27 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': קמ"ה
שנה ג'

טיב הפרשה

# די בענקעניש צו די בית המקדש

## ארץ הכנעני והלבנון

אין די וואכענדיגע פרשה לערנען מיר איבער די שטראף רייד וואס משה רבינו האט גערעדט צום כלל ישראל אין מדבר, און זיי גע'מוסר'ט אויף זייערע מעשים איידער ער האט זיך געשיידט פון די וועלט.
אין די שטראף רייד פון משה רבינו האט ער דערמאנט אז הקב"ה האט געזאגט פאר'ן כלל ישראל אז זיי זאלן אנהייבן צו פארן אין ריכטונג פון לאנד 'כנען' און פון דער לאנד 'לבנון' צו די פרת טייך, און ווי עס איז דער לשון הפסוק [דברים א, ז] פנו וסעו לכם הר האמרי ואל כל שכניו בערבה בהר ובשפלה ובנגב ובחוף הים ארץ הכנעני והלבנון עד הנהר הגדול נהר פרת.
מען קען מדייק זיין פון דעם אז איינס פון די נעמען וואס הקב"ה געבט פאר ארץ ישראל איז 'לבנון'. אבער נישט נאר ארץ ישראל רופט די תוה"ק אן בלשון 'לבנון', נאר אויך די בית המקדש ווערט אנגערופן 'לבנון'.
דער מדרש [מדרש תנאים לדברים פרק א'] ערקלערט פארוואס דער בית המקדש ווערט אנגערופן מיט'ן נאמען לבנון, שכל לבבות שמחים בו, און דער מדרש ברענגט אראפ דער לשון אין תהלים [מח, ג] יפה נוף משוש כל הארץ.
נאך א פשט פארוואס עס ווערט אנגערופן לבנון, ברענגט דער מדרש אראפ בשם ר' יצחק בן טבלאי למה נקרא שמו לבנון? שמלבין עונתיהן של ישראל שנאמר [ישעיהו א, יח] 'אם יהיו חטאיכם כשנים כשלג ילבינו'.
מיר ווייסן דאך אז קיין שום זאך אין די וועלט איז נישט קיין צופאל, און זיכער נישט אז די קריאה פון די פרשת דברים קומט אויס ערב תשעה באב ווען מען לייענט די הפטרה פון שבת חזון.
איך האב געקלערט אז עס קען זיין אז די שייכות צווישן די ביידע זאכן איז אז מען וויל אז אין אזא צייט זאל זיך דערוועקן דאס הארץ, און מען זאל אנהייבן פארשטיין און באגרייפן וואס איז דאס געווען דער בית המקדש און וואס מען האט דערלייגט מיט דעם, און אזוי ארום וועט מען זיך מתאבל זיין אויף איר כראוי און זיך משתוקק זיין צו זען נאכאמאל בְּבִנְיָנָהּ.
מען דארף וויסן אז די ציפייה לישועה איז א מצות עשה מדברי קבלה, און עס ווערט שוין געברענגט אין די ווערטער פון דער נביא חבקוק [ב ג] כִּי עוֹד חָזוֹן לַמּוֹעֵד וְיָפֵחַ לַקֵּץ וְלֹא יְכַזֵּב אִם יִתְמַהְמָהּ חַכֵּה לוֹ כִּי בֹא יָבֹא.
מען זעט אויך אז די אנשי כנסת הגדולה האבן מתקן געווען אין די שמונה עשרה עטליכע ברכות וואס זענען עוסק אין דעם ענין, ווי די ברכה פון 'את צמח דוד עבדך' וואו מען זאגט די ווערטער 'כי לישועתך קווינו כל היום'.
אזוי אויך איז ידוע די ווערטער פון חז"ל [שבת דף לא ע"א] אז פון די ערשטע שאלות וואס מען וועט פרעגן דעם מענטש ווען ער וועט ארויפקומען אויף יענע וועלט וועט זיין די שאלה פון 'ציפית לישועה' אדער נישט, און אזוי ווי עס איז שווער זיך צו דערוועקן צו די אלע ענינים אן וואס מען זאל זיך מתבונן זיין אין די טובה וואס מיר האבן געהאט אין בית המקדש, דערמאנט מען אונז די טובה דורכ'ן ארייגלייגן א רמז אין די פרשה פון די וואך, דערמאנענדיג דער ענין פון דער 'לבנון', אז מען זאל זיך דערמאנען איבער די שיינקייט און די הייליגקייט וואס עס האט געהערשט אין בית המקדש, ווען זי איז געשטאנען על תילה.
עס קען זיין אז אנדערש ווי אמאליגע צייטן ווען די זאכן זענען געווען זעלבסטפארשטענדליך און מען האט פון זיך אליין געשפירט די חורבן, און וואס עס פעלט אונז איז דער מצב היינטיגע צייטן און פאר אונזער דור דינט די דערמאנונג פון די 'לבנון'.
עס איז נישט צום גלייבן און צו פארשטיין די ירידה פון דעם היינטיגן דור קעגן די פריערדיגע דור ווי אזוי זאכן האבן זיך א רוק געגעבן אזוי שנעל.
עס ליגט מיר אין די ביינער ווי אזוי ווען איך בין געווען א קינד האט מען אסאך מער געשפירט די צער און די ווייטאג און אויך די ציפייה לישועה.
איינס פון די סצענעס וואס זענען נאך ביז היינט איינגעקריצט אין מיינע אויגן איז דער מחזה ווי אזוי דער גרויסער גאון רבי דוד יונגרייז זצ"ל דער ראב"ד ירושלים האט שטענדיג געלעבט מיט די ציפייה צום בית המקדש, און מען האט כסדר געזען א בענקעניש אויף אים צו דער בית המקדש און צו ירושלים עיה"ק שפירנדיג די חורבן און די גרויסע פארלוסט פאר אונז.
מען האט עס געזען אין די ימי בין המצרים

>>> | המשך אין עמוד ב' |

טיב המערכת

# דער חיוב צו דינען השם יתברך אין יעדן מצב

איבער הרה"צ רבי זלמן בריזל ז"ל ווערט דערציילט, אז איינמאל האט ער געדארפט ארויספארן קיין חוץ לארץ לצורך מצוה, און וויבאלד רבי זלמן האט געוואוסט דאס וואס עס ווערט געברענגט אין חסיד'ישע ספרים, אז די עצת היצר ביי ערליכע אידן איז, אז ער רעדט זיי איין אויף אן עבירה אז עס איז מצוה, דעריבער האט ער נאכגעזוכט אין די טיפענישן פון זיין הארץ איידער זיין נסיעה, מיט עטליכע זוכענישן, צי זיין כוונה איז טאקע ריין **לשם שמים**, און צי עס איז נישטא אין דעם קין שום פְּנִיָּה מצד דעם יצר.

אזוי טראכטנדיג זיין חשבון הנפש, איז אויסגעקומען פאר רבי זלמן אז עס איז מעגליך אז די נסיעה איז טאקע עצת היצר, וויבאלד די נסיעה וועט אים ארויסציען פון זיינע געוועגליכע סדרים, און דאס איז דאך אוודאי א זיכערע זאך אז די וועלכע וואנדערן צו די מֶרְחַקִּים זענען נישט אזוי מְיֻשָּׁב ביי זיך, און דאס איז אימשטאנד צו גורם זיין אז ער זאל געשטערט ווערן פון לערנען, און דורכדעם וועט מקוים ווערן ביי אים דאס וואס עס שטייט אִם תַּעַזְבֵנִי יוֹם יוֹמַיִם אֶעֶזְבֶךָּ, און דאס 'בטלה' איז דאך דער אנהייב פון יעדער זינד. אבער פון די אנדערע זייט האט רבי זלמן געוואוסט אז דער ציל פון די נסיעה איז דאך וועגן א מצוה וועלכע מען קען נישט אפשטופן.

האט רבי זלמן זיך געקליגט איבער זיין יצר הרע, און איז ארויפגעגאנגען צום הויז פונעם גרויסן ירושלים'ער רב, מרן הגאב"ד הגאון רבי זעליג ראובן בענגיס זצ"ל, און האט זיך מתחייב געווען מיט זיין אונטערשריפט פארן רב, אז ער נעמט זיך אונטער צו זיך לאזן פארהערן אויף הונדערט און פופציג בלאט גמרא ווען ער וועט זיך צוריקקערן קיין ארץ הקודש. אזוי האט רבי זלמן געוואוסט און איז זיכער געווען אז די עצלות וועט אים אויף קיין פאל נישט קענען באהערשן, און עס וועט נישט געלונגען פארן יצר הרע אויסצופירן זיין פלאן, חס וחלילה.

אין די פרשה פון די וואך, ווען מיר לערנען די מוסר־רייד פון משה רבינו פארן כלל ישראל, זעען מיר די פאלגנדע ווערטער: ה' אֱלֹקֵינוּ דִּבֶּר אֵלֵינוּ וגו' רַב לָכֶם שֶׁבֶת בָּהָר הַזֶּה, פְּנוּ וּסְעוּ לָכֶם וּבֹאוּ הַר הָאֱמֹרִי וְאֶל כָּל שְׁכֵנָיו בָּעֲרָבָה בָהָר וּבַשְּׁפֵלָה וּבַנֶּגֶב וּבְחוֹף הַיָּם (דברים א, ו־ז). און דערויף זאגן די הייליגע חז"ל אין די גמרא: תַּנְיָא, רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן אֶלְעָזָר אוֹמֵר, אֵין לְךָ כָּל שֵׁבֶט וָשֵׁבֶט מִיִּשְׂרָאֵל שֶׁאֵין לוֹ בָּהָר וּבַשְּׁפֵלָה וּבַנֶּגֶב וּבָעֵמֶק. וויבאלד פאר אלע אידן איז געזאגט געווארן די אויבנדערמאנטע באפעל, אזוי מוז זיין אז יעדער שבט האט באקומען פון אלע סארטן.

איז לאמיר זיך מתבונן זיין – פארוואס האט מען טאקע געדארפט צוטיילן פאר יעדן שבט פון אלע סארטן ערטער? קען מען זאגן, אז דערמיט האט מען געוואלט מרמז זיין, אז אזוי ווי עס זענען דא פארשידענע בחינות אינעם 'שנה', דאס מיינט מען דער צייט, אזוי אויך איז דא פארשידענע בחינות אינעם 'נפש' פון יעדן אידיש קינד. עס זענען דא זמנים פון זיך הייבן, וואס דעמאלטס איז מען אין די בחינה פון א 'הר', א באַרג, און דעמאלטס איז מען זיך משתוקק צו עבודת השי"ת, און פון די אנדערע זייט האט ער אויך זמנים וואס ער איז אין 'קַטְנוּת', א בחינה פון 'שְׁפֵלָה' וואס דאס קומט ארויס פון די בחינה פון 'נֶגֶב', וואס דאס הייסט אז ער איז נישט זוכה צו די הארה פון קדושה, און פון 'חוֹף הַיָּם', דאס הייסט, צוליב וואנדערונגען און אנדערע טירדות, און ער זאל וויסן אז אזוי ווי אט די בחינות זענען הייליג מיט די קדושה פון ארץ ישראל, אזוי אויך ב'נפש' דארף מען מקדיש זיין די אלע בחינות פארן אויבערשטן. און אפילו אין שווערע צייטן ליגט א פליכט אויפן מענטש, אז ער זאל איבערקליגן זיין יצר הרע און זאל זיך צווינגען צו דינען דעם אויבערשטן.

(עפ"י טיב התורה - דברים)

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

אבער אויך אגאנץ יאר.

טאג טעגליך פלעגט ער זיך אפשטעלן ביי די ברכה פון 'ולירושלים' עירך', און פארגיסן טרערן ביז ווען זיין בארד איז געווארן נאס פון די טראָפּנס פון טרערן, און דאס האט זיך איבערגע'חזר'ט ביי יעדע איינצעלע שמונה עשרה.

מנהגו בקודש איז אויך געווען אז ווען ער האט געזאגט די ברכה פלעגט ער מאכן א תנועה מיט די הענט פון 'חנק'.

א איד האט מיר אראפגעלייגט ווי אזוי ער האט מיטגעלעבט ביי זיין זיידן דער נושא פון צער השכינה. דער איד האט געוואוינט אין אלטשטאט ירושלים, און אזוי ווי זיין זיידע איז שוין געווען אויף די עלטער האט מען אים געבעטן ער זאל שלאפן מיט זיין זיידע.

דער אייניקל האט זיך געלייגט שלאפן, אבער אינמיטן די נאכט האט ער זיך אויפגעוועקט צו א קול פון שרייעריי און געוויינעריי. נישט וויסנדיג וואס עס האט פאסירט איז ער אריינגעלאפן אין די צימער פון זיין זיידע און אים געטראפן ליגן אויף די ערד אויסגעלייגט וויינענדיג בדמעות שליש.

אויס מורא אז עפעס איז געשען מיט זיין זיידע, האט ער זיך דערנענטערט צו אים און אים געפרעגט צי ער זאל אפשר גיין רופן א דאקטאר, אבער זיין זיידע האט נישט פארשטאנען וואס ער וויל און ווי עס קומט אריין צו רופן א דאקטאר.

"צי ווייסטו נישט אז דאס בית המקדש איז חרוב געווארן? אז מיר האבן פארלוירן אזא הייליג פלאץ".

דער זיידע האט נישט געקענט פארשטיין פארוואס דער אייניקל פארשטייט נישט פארוואס ער וויינט נישט אליין פארוואס ער וויינט, און אז ער מיינט אז זיין געוויינעריי און קלאגעריי נעמט זיך פון דעם - אז ער מיינט אז ער שפירט זיך נישט גוט.

דער איד האט דערציילט אז ביי זיין זיידע אין שטוב איז געשטאנען א לייטער, און אז מען איז ארויף אויף די לייטער האט מען געקענט זען דער מקום המקדש.

ווען ער האט געהערט די זיפצעריי פון זיין זיידע, איז ער ארויף אויפ'ן לייטער און געקוקט אין ריכטונג פון הר הבית צו זען אויב עפעס האט כרגע פאסירט מיט דער בית המקדש - אזוי איבערגענומען איז ער געווען פון די געוויינעריי פון דעם זיידן.

ווי געזאגט פריער שפירט זיך אין דער הינזיכט א שטארקע ירידה, אז מען שפירט כמעט נישט דעם חורבן, אבער אז מען שפירט נישט - דארף מען זיך דערוועקן אז מען זאל יא שפירן און האבן א שטיקל באגריף און זיך מתבונן זיין וואס מען האט געהאט און וואס מען האט פארלוירן.

חז"ל זאגן אונז, אז ווער עס קלאגט נישט אויף ירושלים וועט נישט זוכה זיין צו זען בשמחתה.

אז מען איז זיך מתבונן אין דער גרויסער עונש וואס חז"ל זאגן אז עס איז אנגעגרייט פאר איינער וואס איז זיך נישט מתאבל, כאפט עס א שטיקל פחד. מען קען זיך פארשטעלן ווי שרעקעדיג עס וועט זיין אז משיח וועט קומען און מען וועט טאנצן אין די גאסן, און ער וועט ווערן דערווייטערט נישט קענענדיג מיטהאלטן די גרויסע שמחה.

דאס איז א נקודה וואס מען דארף אריינעמען אין קאפ און עס חזר'ן מיט א שטארקקייט.

עס איז זיכער אז ווען מיר וואלטן מער געקלאגט און מער געווארט אויף די גאולה השלימה - וואלט מען שוין לאנג געווען געהאלפענע, אבער מען דארף זיך מעורר זיין צו די נקודה.

עס איז ידוע די מעשה מיט'ן ערשטער בריסקער רב דער בית הלוי זצ"ל.

ווען די ראשי הקהילה אין די שטאט בריסק האבן אים געוואלט אויפנעמען אלץ רב, זענען זיי אריבער צו אים צו זיין וואוינארט און געבעטן ער זאל אריבערקומען זיך באזעצן אין בריסק ווייל זיי ווילן אים אלץ רב.

דער בית הלוי האט אפגעזאגט די בקשה, אבער די ראשי הקהילה וויסנדיג אז דער רב וועט אפזאגן די בקשה האבן זיך געגרייט דערצו און האבן געזאגט פאר'ן בריסקער רב זצ"ל אז דרייסיג טויזנט אידן פון בריסק ווארטן אויפ'ן רב.

הערנדיג דאס האט דער בריסקער רב געזאגט פאר די רעביצין אז מען גייט - אז דרייסיג טויזנט אידן ווארטן - קען מען זיי נישט לאזן ווארטן.

ווען מען האט איבערדערציילט די מעשה פאר'ן חפץ חיים זצ"ל, האט ער זיך צעוויינט זאגנדיג אז מען זעט ווי גרויס עס איז די כח פון 'ווארטן' אז אויב דער בריסקער רב וועלכער האט געהאט אזא שטארקע מיינונג האט געטוישט זיין מיינונג הערנדיג אז מען ווארט אויף אים, איז זיכער אז ווען משיח צדקנו וועלכער וויל בעצם קומען וואלט געהערט אז מען ווארט אויף אים - וואלט ער זיכער געקומען צוגיין.

ער דארף נאר וויסן אז מען ווארט אויף אים, און אז די ציפייה איז אן אמת'ע.

זאל הקב"ה געבן אז מען זאל זיך באמת דערוועקן צו די ציפייה לגאולה און זוכה זיין נאך אין אונזערע טעג אז די גאולה השלימה זאל קומען צוגיין און עס זאל מקויים ווערן די פסוק אין ישעיהו [נב ח] כי עין בעין יראו בשוב ה' ציון, אמן כן יהי רצון.

טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

# דער בעסטער אדוואקאט אין שטאט

וואס וועט זיין דער גורל מיט מיין לייסענס?

זוכנדיג א שטיקל לימוד זכות האב איך זיך געוואנדן צו א רב מיט וועמען איך בין נאנט און זיך אויסגערעדט פאר אים. איך בין געווען זיכער אז ער וועט מיר געבן א ברכה, אבער למעשה האט ער מיר געגעבן א גוטער פסק און געפאדערט אז איך זאל עס מער נישט טון.

איך האב זיך בארעכנט און זיך פארגענומען אז מער וועל איך עס נישט טון און אנגעהויבן עוסק צו זיין במעשי התשובה, בעטנדיג הקב"ה ער זאל אננעמען מיין תשובה און אז איך זאל בלייבן מיט מיין לייסענס.

אין נארמאלע אומשטענדן וואלט איך געדארפט ארויסנעמען א גוטער אדוואקאט ער זאל מיר פארטיידיגן אין געריכט, אבער איך האב נישט געהאט קיין געלט פאר דעם און באשלאסן אז איך וועל אליין גיין אין געריכט זיך צו פארטיידיגן.

ווען איך האב דערהאלטן דעם געריכט צעטיל האב איך געזען אז די טאג פון מיין געריכט געפאלט אין דער יארצייט טאג פון דער אור החיים הק'. איך האב באשלאסן אז אנשטאט צו גיין אין געריכט וועל איך גיין צום ציון הק' און מתפלל זיין אויף איר.

איך האב מתפלל געווען אויפ'ן ציון הק' און ענדע האט מען מיר באפרייט פון אלע קלאגעס.

שפעטער האב איך אויסגערעכנט אז אין די זעלבע צייט ווען איך האב געזען די ישועה בין איך געווען ביים הייליגן אור החיים הק'.

[נדערציילט דורך דער בעל המעשה: ה.ד.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

טיב הנחמה

# עטליכע פסוקים פון מגילת איכה

## יתן למכהו לחי ישבע בחרפה

לאמיר האפן אז ווען איר וועט איר ליינען די ווערטער וועלן מיר שוין האלטן נאך די גאולה השלימה, אבער מיר ווילן דא מבאר זיין און אויסשמועסן איין פסוק פון מגילה איכה, דער פסוק פון יתן בעפר פיהו.

מיר וועלן מקדים זיין מיט א סיפור נפלא פון די פריערדיגע קארלינער חסידים. צווישן די בארימטע קארלינער חסידים האט זיך געציילט ר' יוסף מרדכי שאפער זצ"ל. יאר יערליך פלעגט ער פארן אויף די ימים טובים קיין קארלין זיך מסתופף צו זיין בצל קדשו פון דער הייליגער בית אהרן פון קארלין.

איין יאר האט ער זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג ערב פסח צו פארן קיין קארלין. נאך א געהויבענער יום טוב האט ער זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג אהיימצופארן צו זיין שטוב.

אונטערוועגענס איז ער איינגעשטאנען ביי אן אכסניא, און זייענדיג דארט האט מען געהאלטן אינמיטן פארפאקן די פסח'דיגע געשיר.

אין יענע משפחה האט מען געהאט א בעכער וואס איז אריבער ביי זיי בירושה מדורי דורות, און מען פלעגט עס נוצן פסח ביי די סדר נאכט פאר די כוס של אליהו.

יענע יאר האבן זיי ביים פארפאקן די סדר נאכט נישט געטראפן דעם בעכער, און האבנדיג א גאסט אין שטוב האבן זיי אים חושד געווען אז ער שטייט דערונטער פון די גניבה.

מען האט געצימבלט דער חסיד און אים געהייסן מודה זיין אין די גניבה, אבער ער האט גע'טענה'ט אז ער האט גארנישט מיט די גניבה.

עס איז געווען א טענה'ריי צווישן אים און דער גאסטגעבער, און זעענדיג אז מען וועט נישט ארויסקריכן האט אים דער גאסטגעבער גערופן צו דין תורה.

די דין תורה האט געפאדערט פון דעם חסיד אז ער זאל שווערן אז ער האט נישט גע'גנב'ט די בעכער, אבער דער איד האט נישט געוואלט שווערן.

נישט וועלנדיג שווערן האט ער נישט געהאט קיין ברירה, ער האט געמוזט באצאלן די גניבה.

הערנדיג פון וויפיל עס רעדט זיך האט ער זיך דערשראקן און געבעטן אז מען זאל אים געבן צייט ער זאל קענען ארומגיין אין די שטעט און צוזאמענעמען דאס געלט.

א לענגערע צייט איז ער ארום אין די שטעט און צוזאמענגעקליבן א פרוטה נאך א פרוטה ביז ווען ער האט געהאט דאס גאנצע געלט ביי זיך און אפגעגעבן די גניבה פאר דעם איד.

ר' יוסף מרדכי האט מיטגעמאכט אסאך בזיונות, יעדער האט אים געהאלטן פאר א גנב, מען האט אים חושד געווען מיט די גניבה.

א שטיק צייט איז פארביי און דער בעל האכסניא האט אים געלאזט רופן זאגנדיג אז ער זאל קומען צו גיין ווייל ער וויל אים איבערבעטן, ווייל א שטיק צייט נאך דעם וואס ער האט פארלאזט דאס שטוב האבן זיי געטראפן די בעכער.

ר' יוסף מרדכי האט זיי מוחל געווען, אבער האט עס אנגענומען בשלוה זאגנדיג אז זיכער איז געווען באשערט ער זאל אפקומען עפעס, און אז זיי דארפן זיך נישט שפירן שלעכט מיט די מעשה.

דער חסיד האט זיך געשפירט גוט, אז אויב הקב"ה האט אים געוואלט שטראפן האט ער אים מעניש געווען מיט בזיונות, ער זאל נישט דארפן ליידן ערגערע זאכן.

מיט די בחינה טייטשט דער בית אהרן [דף קנט] דער פסוק אין איכה און מיר זענען דא מעתיק לשונו בקודש: "מרגלא בפומי' דמורי זלה"ה שהיה אומר, שבכל התשובות שבעולם המעולה שבכולם למֵרק החטאות והזדונות והפשעים היא – סבולת העלבונות והחירופים והגידופים, והיא מעולה יותר מכל מלקיות וסיגופי תעניות שבעולם, כי אם יסגף עצמו לבד, יחוש ויבטל מדברי תורה, למאן דלא אפשר ליה, ונקרא חוטא, וכן במלקיות וכיוצא, אמנם – במידה זו תאכל ותשתה ותעבוד, והעוונות מתכפרים, ומבינתך חדל, כי הגע בעצמך שיאמרו לך: תרצה שיבא לך הפסד ממון או נפילת בתים, תשיב לא, ואם יאמרו לך: תרצה עליך מיתת בנים, תשיב חס ושלום! אלא אתה ה' תשמרם, ואם יאמרו: תרצה שיכך ה' בשחפת ובקדחת וכו', מיד ירוץ לבך ותשיב: רחמנא לצלן! וכן אם יאמרו לך על המיתה ועל הגהינם ועל הגלגולים הרעים, על הכל תשיב חס ושלום! אם כן – תאמר לי בחייך, החטאות והעוונות והפשעים שחטאת ושעווית ושפשעת ופגמת בכל העולמות מיום היותך על האדמה, במה יכופר? לכן זאת העצה היעוצה מאת ה' צבאות יצאה לאמר: "יתן למכהו לחי, ישבע בחרפה" כמדובר, ובזה אל יזניחך לעולם, וזהו – "כי לא יזנח לעולם ה'".

דער צדיק טייטשט אויס די סמיכות פון דער פסוק, אז דורך דעם וואס עס וועט מקויים ווערן דער 'יתן למכהו לחי' אז ער וועט אפקומען אלע זיינע צרות דורך בזיונות, וועט מקויים ווערן וואס עס שטייט נאך דעם אין פסוק ווייטער - כי לא יזנח לעולם ה', אז ער וועט נישט דארפן אפלאזן הקב"ה נאר אים קענען ממשיך זיין צו דינען ווייל ער וועט נישט געשטערט ווערן פון עבודת ה'.

# יִשְׂרָאֵל לֹא יָדַע – עַמִּי לֹא הִתְבּוֹנָן!

**"יָדַע שׁוֹר קֹנֵהוּ וַחֲמוֹר אֵבוּס בְּעָלָיו, יִשְׂרָאֵל לֹא יָדַע עַמִּי לֹא הִתְבּוֹנָן"** (הפטרת שבת חזון – ישעיה א, ג).

דער נביא **ישעיהו בן אמוץ** הייבט אן דער ספר פון זיינע נבואות, מיטן נבואה פון חורבן ירושלים, און ער זאגט ארויס אין נאמען פון השי"ת אז די סיבה פארן חורבן און דער זינד, איז צוליב א מאנגל אין התבוננות! ווייל אפילו אן אקס טוט אנערקענען אין זיין בעל הבית, און דער אייזל דערקענט דער עסן־קאסטן פון זיין אייגנטימער, אבער **"יִשְׂרָאֵל לֹא יָדַע עַמִּי לֹא הִתְבּוֹנָן"**! אזוי ווי עס ווערט ערקלערט אין **רמב"ם** (איסו"ב כב, כא) אז דער זינד טרעפט זיך נאר "בְּלֵב פָּנוּי מִן הַחָכְמָה".

אויב וועט זיך דער מענטש אפשטעלן פאר א רגע, איידער ער לויפט צו די עבירה, און ער וועט אריינטראכטן מיט איין **מחשבה פון מוסר**, וועט ער נישט זיין מסוגל צו זינדיגן!

אזוי ווי דער הייליגער **רמ"ק זצוק"ל** שרייבט אין זיין ספר **תומר דבורה** (פרק ראשון), אז ווען דער מענטש וועט זיך מתבונן זיין פון וואו ער ווערט געשפייזט און וויאזוי ער טוט עקזיסטירן, און ווער איז דער וועלכער געבט אריין זיין חיות אין אים, און פון וואו שעפט ער דער כח פון דער באוועגונג פון זיינע איברים, וואס ער וויל זיי יעצט חלילה נוצן גייענדיג צו טון אן עבירה... – וועט ער דאך צוטרייסלט און דערציטערט ווערן זיך צו באניצן מיט די זעלבע מתנות און חסדים וואס דער אויבערשטער איז משפיע אויף אים, כדי חלילה צו דערצערנען דער אויבערשטער, ווייל עס איז דאך נישטא קיין גרעסערע מרידה ווי דאס!

**פון דעם אלעם זעען מיר, אז דער און שורש פון די עבירה איז – "יִשְׂרָאֵל לֹא יָדַע עַמִּי לֹא הִתְבּוֹנָן"!**

• • •

די האפענונג צו די ישועה הייבט זיך אן מיט התבוננות, דורכן פארשטיין און אריינטראכטן אויף ווי ווייט עס פעלט אונז אויס די גאולה, און די נאנטקייט צו די הייליגע שכינה ווען דער בית המקדש געפינט זיך צווישן אונז. – אויב וועט מען נישט מתבונן זיין אין די באדייט פונעם גלות און דעם חורבן, און מען וועט נאר ארויסמורמלען די ווערטער "כִּי לִישׁוּעָתְךָ קִוִּינוּ כָּל הַיּוֹם", קומט אויס אז די אבילות אויף ירושלים איז פעלערהאפטיג, און די אויסקוק אויף די גאולה איז פאלש חלילה.

ענדליך צו די באוואוסטע מעשה וואס ווערט דערציילט אויף דער הייליגער צדיק פון **טשערנאבל בעל מאור עינים זצוק"ל**, וועלכער איז געווען א באוואוסטער **'מגיד מישרים'**, און האט זיך ארומגעדרייט איבער די אידישע שטעטלעך, מעורר צו זיין דעם 'עולם' צו תשובה.

איינמאל, אנקומענדיג צו איינע פון די דערפלעך איז ער איינגעשטאנען אינעם ארטיגן גאסטהויז. דער בעל הבית פונעם גאסטהויז איז געווען א פשוט'ער און תמימות'דיגער איד וועלכער איז ליידער געווען א גרויסער עם הארץ, און האט כמעט נישט געקענט קיין צורת אות, נאר איז שטענדיג געווען באשעפטיגט מיט זיין גרויסער באדן, וואו עס האט אים נישט געפעלט קיין ארבעט... ער האט דארט געהאט קיען, שעפסן און ציגן לָרוֹב, הינער וועלכע האבן געלייגט אייער בשפע, און גרויסע פעלדער צום אקערן און באארבעטן, און נאך און נאך כָּהֵנָּה וְכָהֵנָּה.

דער צדיק איז ווי פארשטענדליך אויפגענומען געווארן בחרדת קודש אינעם שיינעם הויז פונעם איד, וועלכער האט פון זיין זייט געזארגט פאר אלע געברויכן פונעם רבי'ן, און זיכערגעמאכט אז ער זאל זיך פילן באקוועם ביי אים אינדערהיים.

עס איז געקומען האלבער נאכט, ווען פלוצלונג האבן זיך דער קרעטשמער מיטן קרעטשמערקע אויפגעוועקט מיט שרעק, הערנדיג א מורא'דיגער געוויין וואס רייסט זיך ארויס פונעם צימער פון דער הייליגער רבי. זיי זענען אויפגעשפרינגען פון בעט דערשראקענע – ווער ווייסט וואס איז דארט געשען ביים רבי'ן, מעגליך דארף דער צדיק זייער באלדיגע הילף?

ווי ערשטוינט איז דער קרעטשמער געווארן, אריינגייענדיג אינעם רבי'נס צימער, און זעענדיג ווי דער הייליגער רבי איז אויסגעשפרייט אויף דער ערד אן קיין שיך אויף די פיס, מיט א קליינעם **'שערי ציון'** סידור אין די הענט, און וויינט ביטערליך אָן אויפהער. דער קרעטשמער איז צוטרייסלט געווארן פון דאס וואס ער האט געזען מיט זיינע אויגן, און איז גלייך צוגעגאנגען צום רבי'ן און אים אביסל געררוקט ביי זיין אקסל, און אים ערוועקט פון זיין געוויין. דער צדיק האט זיך אביסל בארואיגט פון זיין געוויין, און געווארט צו הערן פונעם גאסטגעבער וואס ער וויל פון אים. ווען דער בעל הבית האט באקומען ערלויבעניש צו רעדן, האט ער אים געפרעגט מיט גרויס זארג: וואס איז געשען צום רבי'ן דא אין מיין גאסטהויז? פארוואס וויינט דער רבי אזוי שטארק? מעגליך קען איך מיט עפעס העלפן?

דער רבי האט געבעטן דעם בעל הבית זיך צו זעצן, און מיט גרויס געדולד און געוואלדיגע אהבת ישראל האט ער גענומען ערקלערן פארן עם הארץ, וואס דאס מיינט **'תיקון חצות'**, און אויף וואס מיר וויינען און קלאגן, איבערן גרויסן און פראכטפולן **בית המקדש** וואס עס פעלט אונז אזוי שטארק. און דערויף זענען מיר מתפלל און מיר האפן אז כלל ישראל וועט שוין אויסגעלייזט ווערן און פטור ווערן פון אלע ענגשאפטן פונעם ביטערן גלות, און אז משיח צדקינו וועט שוין קומען און אונז פירן צום הייליגן לאנד.

דער איד האט געהערט און איז זייער באגייסטערט געווארן. ער האט זיך צוריקגעקערט צו זיין ווייב און איר בארואיגט אז עס איז, ברוך השם, גארנישט שלעכטס געשען פארן צדיק, נאר ער וויינט און האפט ווען וועלן שוין די הייליגע אידישע קינדער זיך צוריקקערן צו זייער הויז און צו זייער לאנד. דער דארפסמאן האט זיך אוועקגעזעצט און געגעבן צו פארשטיין פאר זיין ווייב דאס וואס ער האט נארוואס געהערט פונעם רבי'ן, און ערקלערט וואס דאס מיינט **גלות** און **גאולה**, און איבערן גרויסן האפענונג און לעכעצניש וואס מיר האבן קיין ירושלים קרתא דשופריא.

אויפצומארגנס, גלייך נאכן דאווענען שחרית, ווען דער בעל הבית האט אריינגעברענגט פארן רבי'ן פרישטיג, האט ער געזאגט צום רבי'ן: מיין ווייב פרעגט, וויאזוי וועלן מיר ארויפגיין מיט משיח קיין ירושלים, און דא איבערלאזן דעם גאנצן הערליכן פלאץ, מיט אלע קיען און הינער א.א.וו.?

דער רבי האט זיך צושמייכלט הערנדיג די פראגע, און געענטפערט: איר זענט טאקע גערעכט אז מען וועט זיך דארפן צושיידן פונעם שיינעם פלאץ... אבער פון די אנדערע זייט וועלן מיר שוין נישט ליידן פון די אלע רדיפות און צרות וואס די שלעכטע גוים און ביטערע קאזאקן האבן אונז געטון, וועלכע האבן ליידער געטון אזויפיל צרות פאר אידישע קינדער.

דער איד האט גוט פארשטאנען די ווערטער פונעם רבי'ן, און איז צוריקגעגאנגען צו זיין ווייב צו הערן איר ענטפער.

א קורצע צייט שפעטער איז דער בעל הבית צוריקגעקומען, און ערקלערט: איך האב עס איבערגעטראכט מיט מיין ווייב, און מיט איר קלוגשאפט איז זי אויפגעקומען מיט א גוטן 'לעזונג' פאר אלע פראבלעמען אינאיינעם! – דער רבי איז טאקע גערעכט אז מיר ליידן דא שטארק אונטערן יאך פון די רשעות'דיגע קאזאקן, אבער פון די אנדערע זייט ווילן מיר נישט 'דערלייגן' די גאנצע הערליכע באדן וואס מיר פארמאגן. דעריבער ווילן מיר מַצִּיעַ זיין פארן רבי'ן אז ער זאל נעמען אלע קאזאקן קיין ירושלים... און אזוי וועלן מיר קענען רואיג בלייבן אויף אונזער באדן דָאהִי...

**אזוי זעט עס אויס ווען עס איז "יִשְׂרָאֵל לֹא יָדַע, עַמִּי לֹא הִתְבּוֹנָן"!...**

• • •

און פון די אנדערע זייט, וועלן מיר זען פונעם פאלגנדע מעשה, דאס פארקערטע זייט – וויאזוי עס זעט אויס דאס אבילות אויפן חורבן, אין די אויגן פון דער וועלכער איז זיך מתבונן און טוט פארשטיין:

אין מיין יוגנט, האב איך זוכה געווען אביסל צו קענען דעם **באוואוסטן גאון און צדיק רבי שמואל הומינער זצוק"ל** בעל **'עבד המלך'** אין זיינע עלטערע יארן. ער איז געווען איינער פון די גרויסע צדיקים פון ירושלים של מעלה אינעם פריערדיגן דור, וואס זיין **צִפִּיתָ לִישׁוּעָה** איז געווען זייער בולט אזוי שטארק אז מען האט עס ממש געקענט אנטאפן מיט די הענט.

**"ערב תשעה באב"** איז ביי אים געווען א גרויסער טאג פון תפילות ובקשות, באגלייט מיט א שטארקע האפענונג און א געוואלדיגע שטארקע אויסקוק אז אט־אט וועט נאך היינט בעזרת השם קומען די אויסגעווארטע גאולה, און דער גואל צדק וועט קומען און ברענגען הילף פאר כלל ישראל.

אינדערצייט פונעם **סעודה המפסקת** האט ער זיך געזעצט אויף דער ערד מיט גרויס באגייסטערונג, ווען די גאנצע צייט רינען טרערן פון זיינע לויטערע אויגן, וועגן די געוואלדיגע צער השכינה וואס געפינט זיך אין גלות. אויך דעמאלטס, אינמיטן די סעודה, האט ער געהאלטן אין איין דערמאנען, אז מיטן אויבערשטנ'ס הילף וועט מען שוין די יאר נישט דארפן פאסטן! אזוי ווי מען האט מתקן געווען צו זאגן ביי די קינות לתשעה באב: "אֱיוּמָתִי בְּכָל שָׁנָה אוֹמֶרֶת הִיא הַשָּׁנָה הַזֹּאת"! [זע אין ספה"ק **בני יששכר** (תמוז אב מאמר א שלהי ס"ק י) וואו ער ברענגט דערפון להלכה, איבער וואס עס איז געבליבן פון די בין המצרים טעג פונעם פריערדיגן יאר, אז עס האט נישט קיין שייכות און צירוף צום יעצטיגן יאר, וויבאלד יעדע יאר ווערט פונדאסניי באנייט דעם האפענונג אז יעצט איז שוין די יאר פון די גאולה שלימה, עיין שם].

ווען מען האט געענדיגט די סעודה המפסקת פארנאכטס, האט זיך זיין האפענונג און בענקשאפט נאכמער געשטארקט, און ער האט נישט גערוט ביז ער האט געשיקט איינער פון זיינע אייניקלעך, אז ער זאל ארויסגיין אינדרויסן, און קוקן צום מקום המקדש אויפן הר הבית, וואס מען האט עס געקענט זען פון דארט, און קוקן צי מעגליך איז שוין אראפגעקומען דער פייערדיגער בית המקדש פון הימל!

ווען מען איז צוריקגעקומען צו אים און מען האט אים דערציילט אז צום גרויס באדויערן פון כלל ישראל זענען מיר נאכנישט געהאלפן געווארן, און עס איז געקומען דער צייט צו גיין אין שול און קלאגן אויפן חורבן, האט ער אויסגעבראכן אין א ביטער געוויין, און ער האט

המשך אין עמוד ד' |<

געפראוועט דעם ביטערן אבילות פונעם טרויעריגן טאג.

אויף אזעלכע און אויף ענדליכע צדיקים, איז מעיד **אליהו הנביא זכור לטוב** (תנא דבי אליהו רבה, פרק ד'): "כָּל חָכָם וְחָכָם מִיִּשְׂרָאֵל שֶׁיֵּשׁ בּוֹ דְּבַר תּוֹרָה לַאֲמִתּוֹ, וּמִתְאַנֵּחַ עַל כְּבוֹדוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא וְעַל כְּבוֹדָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל כָּל יָמָיו, וּמִתְאַוֶּה וּמְחַמֵּד וּמְצַפֶּה עַל כְּבוֹד יְרוּשָׁלַיִם, וְעַל כְּבוֹד בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, וְעַל יְשׁוּעָה שֶׁתַּצְמִיחַ בְּקָרוֹב, וְעַל כִּנּוּס גָּלֻיּוֹת. – רוּחַ הַקֹּדֶשׁ בִּדְבָרָיו [כְּמָה דְּאַתְּ אָמַר - ישעיה סג, יא] 'הַשָּׂם בְּקִרְבּוֹ אֶת רוּחַ קָדְשׁוֹ'".

• • •

מיט א צאל יארן צוריק, איז אנגעקומען צו מיינע אויגן די **'צוואה'** פון אַן אדם גדול. צווישן די אנווייזונגען וואס ער לאזט איבער פאר זיינע קינדער, שרייבט ער ווי פאלגנד: נאך עפעס בעט איך פון אייך, אז יעדן טאג זאל איר זיך פאַרשפאַרן אליין, פאר **פינף מינוט פון התבוננות!**

אט דאס איז א וואונדערליכע עצה צו צוריקהאלטן דעם **לעבנס־געיעג**, וועלכע יאגט אונז נאך שטענדיג מיט לחץ און בלבול הדעת. דורכדעם וואס מיר וועלן זיך אפשטעלן פאר **פינף מינוט פון התבוננות**, וועלן מיר זיך צוריקקערן אונזער זעלבסט, און דער דעת און נפש וועט צוריקגעקערט ווערן צו זייער ארט מיט יושר. דורכדעם וועט זיך דער מענטש דערמאנען ווער עס האט אים באשאפן, און וואס עס איז דער רצון פונעם אויבערשטן פון אים אינעם יעצטיגן מאמענט. פון אט די פינף מינוט, וועט דער מענטש ארויסגיין מיט א באנייטן פרישקייט, צו קענען מסדר זיין זיינע הנהגות און געדאנקען און אלע זיינע פעולות בְּדֶרֶךְ הַיָּשָׁר וְהַטּוֹב.

• • •

די פאלגנדע וואונדערליכע דערציילונג, האב איך געהערט דערציילן איבער א חשוב'ער רב פון די גדולים פונעם פריערדיגן דור, וואס ווען ער איז אויפגענומען געווארן אלץ רב פונעם גאנצן אומגעגנט, האבן גע'חתמ'עט אויף זיין **'כתב הכתרה'** נישט ווייניגער ווי **דריי הונדערט חשוב'ע רבנים.**

ווי פארשטענדליך, האט מען אים דארט באטיטלט מיט גאר געוואלדיגע טיטלען, און ווען איינער פון זיינע מקורבים, וועלכער האט גוט געקענט דעם רב פאר א געוואלדיגער עניו, האט אים געפרעגט – וויאזוי האט ער אנגענומען דעם בריוו, וועלכער טוט אים אזוי שטארק אויסלויבן, האט ער אים געגעבן די פאלגנדע ערקלערונג:

פון אט דעם שריפט, האב איך ארויסגענומען א געוואלדיגער מוסר. איך האב עס גוט דורכגעליינט עטליכע מאל, און געמאכט לויט דעם א שטארקן חשבון הנפש, געדענקענדיג אז ווען איך וועל זיך דארפן שטעלן פארן בית דין של מעלה וועט דער צייט וועט קומען, וועט מען דאך אוודאי ארויסברענגען פאר מיר אט דעם כתב, און מען וועט מיר פאַרהאַלטן וועגן יעדן לויב וואס ווערט דארט דערמאנט, און מיר פרעגן צי איך בין טאקע אזוי געווען... ממילא, פון אט די התבוננות קומט מען אן צו תשובה און התעוררות, און נישט חלילה צו גאוה און שטאלץ.

עס ווערט דערציילט אויף איינער פון די גדולי הצדיקים, וועלכער איז אמאל געפארן צו די הויפטשטאט, צוליב א געוויסע השתדלות וואס ער האט געטון אינעם קעניגליכן פאלאץ, וואו ער איז אויפגענומען געווארן מיט גרויס כבוד ביים קעניג און קעניגן. – דורכאויס דעם באזוך האט זיך די קעניגן בארימט און דערציילט ווי שטארק זיי זענען איבערגעגעבן פאר זייער באליבט קינד, דער קרוין־פרינץ, וואס ווען ער גייט ארויס אויף א שפאציר אינעם הערליכן גארטן פונעם פאלאץ, טוען די הערליך געקליידעטע באדינער פארשפרייטן אסאך **צוקער** איבער די זאמדיגע וועגן, כדי די פיס פונעם זון זאלן נישט דארפן טרעטן אויף די שטויב!

דער צדיק האט זיך צושמייכלט הערנדיג די ווערטער, און געפרעגט מיט חכמה: אויב טוט איר טאקע אזוי 'פארפיעטשן' אייער איינציג קינד, וויאזוי קענט איר פארמיידן אז דער 'שר המשקים' זאל אים נישט געבן בטעות א גלאז ווארימע וואסער, אינדערצייט וואס ער איז דארשטיג און וויל דווקא געניסן פון א קאלט גלעזל וואסער?

די קעניגן האט זיך צולאכט און גלייך געענטפערט: כְּלוּם חָסֵר מִבֵּית הַמֶּלֶךְ? – אין אזא פאל, וועט דער באדינער גלייך אויסגיסן די ווארימע וואסער וואס מען האט בטעות אנגעגאסן, און ער וועט גלייך דערלאנגען די אנדערע גלעזל קאלט וואסער, לויטן וואונטש פונעם באליבטן פרינץ!

און וואס פאסירט – האט דער רב ווייטער געפרעגט – ווען דער קלייד פונעם פרינץ האט זיך איבערגעדרייט, און די אינעווייניגסטע זייט ווערט געזען פונדרויסן?

די קעניגן האט זיך זייער געוואונדערט, הערנדיג אזעלכע קליינליכע פראגן, "וואס איז די פראבלעם"? האט זי געזאגט. "אין אזא פאל, וועט זיך דער פרינץ אביסל אנשטרענגען, און צוריקשטעלן דעם קלייד צו איר ריכטיגן אויסזען"!

דא האט דער רב ווייטער געפרעגט: און וואס וועט געשען, אויב דער חשוב'ער פרינץ וועט אריינלייגן זיין האנט אין טאש, וועלנדיג ארויסציען פון דארט דריי מטבעות, אבער עס וועט נאר ארויסקומען פון דארט צוויי?!

דער קעניג און קעניגן האבן זיך זייער געוואונדערט, און נישט געקענט פארשטיין וואס איז דער ציל פונעם רב מיט אלע זיינע מאדנע פראגן. זיי האבן גלייך ערקלערט אז אויך אין אזא פאל וועט זיך דער פרינץ דער 'מפונק' אביסל דארפן אנשטרענגען, און נאכאמאל ארויסציען פון קעשענע די דריטע מטבע! איז דאס דען א שווערער זאך?

האט זיך דער רב צושמייכל און ערקלערט: יעצט וועט איר אוודאי פארשטיין די געוואלדיגע ליבשאפט וואס דער אויבערשטער האט צו זיינע ליבע קינדער, ווייל אזוי שטייט אין די הייליגע גמרא אין מסכת **ערכין** (טז:) אז ביים אידישן פאלק ווערן אויך אזעלכע קליינליכע זאכן פאררעכנט ווי יסורים און פייניגונגען, וועלכע זענען מכפר אויף זייערע זינד! און אזוי שטייט דארט אין די הייליגע גמרא: "עַד הֵיכָן תַּכְלִית יִסּוּרִים, אֲפִילּוּ נִתְכַּוְּנוּ לִמְזוֹג בְּחַמִּין וּמָזְגוּ לוֹ בְּצוֹנֵן, בְּצוֹנֵן וּמָזְגוּ לוֹ בְּחַמִּין, אֲפִילּוּ נֶהְפַּךְ לוֹ חֲלוּקוֹ, אֲפִילּוּ הוֹשִׁיט יָדוֹ לְכִיס לִטּוֹל שָׁלֹשׁ וְעָלוּ בְּיָדוֹ שְׁתַּיִם", זע דארט.

ווען דער רב האט זיך צוריקגעקערט צו זיין שטאט, האט ער דאס דערציילט אין זיין וועכנטליכע דרשה, און האט באלויכטן אידישע אויגן און הערצער לויט די אויבנדערמאנטע סוגיא פון די גמרא, אז מען זאל זיך שטארק מתבונן זיין אין אלע וועגן פון אונזער לעבן, און פארשטיין דערפון ביי יעדן געשעעניש וואס פאסירט מיטן מענטש, אז אפילו ווען עס קומט גאר א קליינע זאך וואס פירט זיך נישט פונקט ווי מען האט געוואלט, האט מען אים דערמיט צוגעשיקט פון הימל יסורים, און מען פאדערט פון אים א געוויסע פאדערונג, אז ער זאל זיך צוריקקערן צום גלייכן וועג!

ווייל ווען א אידיש קינד גייט מיט יושר און תמימות אויפן שלימות'דיגן וועג, וועט אלעס זיין אנגעגרייט פאר אים אויפן בעסטן אופן, נאכמער ווי דער קרוין־פרינץ אליין!

• • •

איבער אלע טעג פונעם יאר, ווערט געזאגט אין תהלים (קמה, יח) "קָרוֹב ה' לְכָל קֹרְאָיו, לְכֹל אֲשֶׁר יִקְרָאֻהוּ בֶאֱמֶת". פון דעם זעען מיר אז כאטש דער פסוק הייבט אן אז דער אויבערשטער איז נאנט "לְכָל קֹרְאָיו", צו אלע וואס רופן צו אים, פונדעסטוועגן פירט אויס דער פסוק אז עס איז דא א תְּנַאי, א באדינג, אז עס דארף זיין "יִקְרָאֻהוּ **בֶאֱמֶת**", אז מען זאל רופן צו אים מיט אַן אמת.

אבער וועגן די טעג פון בֵּין הַמְּצָרִים זאגט **ירמיהו הנביא ע"ה** אין **מגילת איכה** (א, ג) "כָּל רֹדְפֶיהָ הִשִּׂיגוּהָ בֵּין הַמְּצָרִים", אין אט די טעג, אפילו אויב מיר האבן נישט זוכה געווען צו די מדריגה פון "יִקְרָאֻהוּ בֶאֱמֶת", אויב וועלן מיר נאר אביסל מתבונן זיין אינעם 'נִרְדְּפָה לָדַעַת אֶת ה'" (הושע ו, ג), וועלן מיר גרינגער קענען משיג זיין דעם **קִרְבַת אֱלֹקִים טוֹב**.




די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין באשטעלט דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173